# אלבום סטולין

# אלבום סטולין



# הָבָה נִזָּכֵרָה

צרור זכרונות ופרקי הווי על עיירתנו

# סטולין

מסופר על ידי

פנחס דורון (דורצ'ין)

המוציאים לאור

פנחס דורון — זיסקינד בליזובסקי

חיפה
רח׳ מנדלי 4

ירושלים
רח׳ הטורים 16

הערת המוציאים לאור:

הרבה מאמצים הושקעו בהוצאת אלבום זה. הוצאות כספיות גדולות, נייר מן המובחר, תמונות ותצלומים רבים.

כל זה לשם הנצחת זכרה של עיירתנו סטולין וקדושיה.

תקותנו שהאלבום יימצא בכל בית ומשפחה של יוצאי סטולין והסביבה.

ירושלים, תשכ"א

Printed in Jerusalem, Israel 1960

דפוס קואופרטיבי אחוה בע"מ, ירושלים

# לאָמיר זיך דערמאָנען

## זכרונות וועגן אונזער שטעטל

# סטאָלין

דערציילט פון

פנחס דורון (דורצ'ין)

מכיר אני תודה לועד יוצאי סטולין בתל־אביב על שעודדוני והושיטו לי עזרתם להוצאת אלבום זה לאור.

תודתי נתונה למר אריה אבטיחי ולאחי יצחק עידן—זלדין על שהנחוני בעצתם וסייעו בידי בהכנת חומר זה לדפוס.

כן יבוא על הברכה ידידי יהודה דודלסון אשר רישומיו נתנו ביטוי טיפוסי ונאמן להווי של עיירתנו.

פ. ד.

לרעיתי צ י פ ה
לבית פולֶסְקִי
אשר הודות לזכרונה המופלא
הועלו דברים אלה על הנייר

# באלבום זה :

עמוד


פתיחה .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 15
בשער — אריה אבטיחי .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 17
הבה ניזכרה .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 20
דערמאָנט זיך אביסל .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 23
ואלה שמות .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 24
די סטאָלינער גאסן .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 28
מיט וואָס האבן יידן געהאנדלט .. .. .. .. .. .. .. .. .. 29
בתי הכנסת בסטולין .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 30
מסיפורי חסידי סטולין .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 31
על היושבים במזרח .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 34
פאָזשאָר .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 36
דער קאָמיטעט .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 39
מ׳מעג שוין ווייטער טראָגן .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 56
א סלאָוואָר .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 58
זאל זיך אונז דוכטן .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 63
סיום .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 84
ס׳ברענט פון מ. געבירטיג .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 86

# רשימת התמונות:


| | עמוד |
|---|---|
| 1. מבט על העיר מ„הקופניץ" | 13 |
| 2. בסוף רחוב דומברוביץ | 20 |
| 3. רחוב הרבי עם בית הכנסת הגדול | 21 |
| 4. הרב פיאלקוב מוביל את בתו לחופה | 22 |
| 5. סטאָלינער יידישע מאמעס | 23 |
| 6. בית בכפר (רישום) י. דודלסון | 25 |
| 7. רחוב הורודוק | 28 |
| 8. ככר השוק | 29 |
| 9. בית הכנסת הגדול | 30 |
| 10. הרבי ר' ישראל פרלוב | 31 |
| 11. הרבי ר' משה פרלוב | 31 |
| 12. ר' יעקב פרלוב | 33 |
| 13. ר' אברהם יעקב (חתן הרבי) | 33 |
| 14. הרבי ר' משה־לה | 34 |
| 15. מכבי האש | 37 |
| 16. ועד בית הספר „תרבות" | 39 |
| 17. ועד בית היתומים | 40 |
| 18. הנהגת „השומר הצעיר" | 41 |

| | עמוד |
|---|---|
| 19. ההסתדרות הציונית | 42 |
| 20. ביום פתיחת האוניברסיטה בירושלים | 43 |
| 21. פעילי קרן הקימת לישראל | 43 |
| 22. הסתדרות „השומר הצעיר" | 44 |
| 23. קיבוץ הכשרה בהורין | 44 |
| 24. הסתדרות „החלוץ" | 45 |
| 25. בני סטולין נפרדים מעולים לא"י | 45 |
| 26. מפלגת „פועלי ציון" | 46 |
| 27. הסתדרות הנוער „פרייהייט" | 47 |
| 28. הסתדרות „החלוץ הצעיר" | 48 |
| 29. הסתדרות „ברית טרומפלדור" | 49 |
| 30. כיתות בית הספר „תרבות" | 50 |
| 31. תהלוכת ל"ג בעומר | 50 |
| 32. מיפקד חברי „השומר הצעיר" | 50 |
| 33. בית הספר וגן הילדים „תרבות" | 51 |
| 34. גן הילדים „תרבות" | 51 |
| 35. כיתה ד' של בית ספר „תרבות" | 52 |
| 36. כיתה ג' של בית ספר „תרבות" | 53 |

עמוד
37. כיתה ד׳ של בית ספר „תרבות" 53
38. תזמורת הנוער 54
39. פגישת בתי הספר 54
40. בקצווי העיירה (רישום) י. דודלסון 55
41. בחורף 56
42. בשעת הפשרת השלגים 57
43. מפת סטולין
(תרשים ע״י יהודה סטרוסקי) 62
44. תחנת הרכבת „הורין" 63
45. בית הקברות 64
46. יריד בככר השוק 65
47. הבית החדש של הרבי משה׳לה 66
48. ארון הקודש בבית הכנסת הגדול 66
49. ליד כנסית הנוצרים 67
50. רחוב הרבי לפני השריפה 68
51. בית היתומים 69
52. רחוב פינסק 70
53. כיכר השוק השני 71
54. רחוב הורודוק 72

עמוד
55. חזית בית שקליאר 73
56. שפת הנהר 73
57. ברחוב הורודוק 74
58. בשדרת „ליפקעס" 74
59. בנין בית הספר „תרבות" 75
60. די נייע פלעצער 76
61. בני סטולין בזטשישה 77
62. מהמרעה (רישום) י. דודלסון 78
63. דער „בורקאן" 79
64. נהר הורין 79
65. הרב מוביל את חתן בתו לחופה 80
66. הענקת אות הצטיינות לרבי משה׳לה 81
67. אחרי שריפה 82
68. השער של גן רדזיב׳ל 82
69. בדרך לדולין 83
70. לוח שיש בבית הכנסת 85
71. מילדי סטולין שניספו 87
72. תעודת רישום בספר הזהב של קק״ל 88
73. סמל העץ הכרות (ציור י סטרוסקי)



מבט על העיר מ„הקופאניעץ"

א בליק איבער דער שטאָט פון „קאָפּאניעץ"

# פ ת י ח ה

כי דור אחרון לשעבוד
וראשון לגאולה אנחנו!

(מתוך „מתי מדבר" לביאליק)

בעיניהם הנוצצות של מאות יוצאי עיירתנו ס ט ו ל י ן, שהשתתפו בפגישת הרעים בתל-אביב, בחנוכה תש"ך, ראינו כמה כמהים כולנו לקצת זכרונות מעיירתנו זו.

צחוק ודמע גם יחד, בקעו לשמע הזכרונות ופרקי ההווי, שהועלו באותו ערב.

אמרנו על כן, הבה ונעלה זכרונות אלה על הנייר, למען ישארו דמויותיהם של הורינו, אחינו, ואחיותינו חרותים בזכרוננו, למען נזכור את עיירת מולדתנו בה נולדנו, גדלנו וחונכנו.

אמרנו, הבה נסייר ברחובותיה ונסתכל בעיני חזוננו על בתיה, על אנשיה וטפוסיה השונים ועל חיי היהודים שבה. הבה וניזכר בהם, במצוקתם, בשמחתם, במנהגיהם ובדרכי חייהם, ואולי נקל ע"י זה במקצת את מועקת הלב המעיקה עלינו זה קרוב ל־20 שנה.

ראינו צורך לספר את רוב הדברים ב„אידיש" היא השפה בה חיו ויצרו, התהלכו וצחקו, בכו ונפלו כל אותם היהודים היקרים...

למען יזכור הדור הראשון לגאולה — את הדור האחרון לשעבוד.

# ב ש ע ר

הימים חולפים ובזרמם הם מסיחים את הדעת מן העבר הקרוב ואף משכיחים אותו. הולכת ונשכחת לאט לאט עיר מולדתך, מקום שבו ראית אור, גדלת, למדת ובגרת ויצאת אל העולם הגדול אל מערבולת החיים. נמחקות מעל לוח הלב הרבה חוויות ילדות ותקופת נעורים ונעלמים רישומים שהטביעו חותמם עליך בימים ההם של שאיפות, חלומות ופעלים... תוך כדי כך מטשטשים ונעלמים גם הדמויות והטיפוסים, על מעלותיהם וחסרונותיהם, שהכרת וידעת, נפגשת אתם וחיית ביניהם בעירך.

עומד אתה אחרי עשרות שנים של פרידה מעירך—עיירתך ותוהה על שיכחה זו ומצטער על כך צער גדול וגעגועים תוקפים אותך עליה ועל אנשיה, שאבדו בהשמדה הברוטאלית של הקהילה היהודית היפה שנכחדה מן העולם ועל החיים היהודיים שנעלמו לעד, ונצבט הלב.

ס ט ו ל י ן, העיירה הפולעסית המפורסמת, זו סטולין היהודית שגאוותה היתה על בית ה״ר ב י״ שלה (שושלת קארלין—סטולין), על הציונות שהכתה בה שרשים למן ימיה הראשונים, על בית־הספר העברי שלה, על החיים הציבוריים שפיכו בה, ועל עסקניה הפעילים העיירה שנתרוקנה, כשאר אחיותיה—שכנותיה, מבניה—בוניה היהודים וחרבה עד היסוד, לב כל בן ובת שלך אליך יזעק וישווע: למה?

ואם גם גזרה היא על החיים שישכחו את אשר אבד ואיננו, אין המחשבה רוצה להשלים עם העובדה המרה. ה א מ נ ם ? ה י ת כ ן ? ...ומייסר אתה את עצמך ורוגז על מלאך השיכחה המעביר לגנזים את זכרונותיך על פאר העבר, על עריסת חיים ועל כל היקרים לך.

יתכן, שיש בכך משום חולשה ומישהו יאמר אך סנטימנטים הם. אבל אין להימלט מהכרת העובדה, כי חיי יום־יום ותמורות הזמנים משכיחים את האנשים של הסביבה, שהיתה יקרה לך, אנשים שנעקרו משורת החיים ללא טעם, וברגע שאתה מבקש לדפדף בזכרונות ומעלה נשכחות מתהום הנשיה — מתיצבות לעיניך אלפי נשמות של קדושים ויקרים, חללי השואה הגדולה של דורנו, שהם חלק משֵשת המיליונים הטבוחים בגלל חטאם האחד — שהם י ה ו ד י ם.

הנה היא סטולין העממית והציונית — חסידית שלך, שפעלת בה ויצרת בתוכה, אם בשדה זה ואם בשטח אחר, על אישיה, עסקניה, אנשי „ע מ ך", סוחריה ובטלניה וכלי־הקודש שלה עם ה„רבי" והרב דמתא בראש. תורה וגדולה ועסקנות ציבורית שררו בה מדורות ובעשרות השנים האחרונות היא פרחה ממש והיתה כבושה לציונות ולהגשמתה. מי בסטולין לא היה ציוני, או נוטה לה, לפחות? צדקו אלה, שסברו כי אפילו החסידים שבסטולין היו ציונים. בניהם נימנו על קיבוצי הכשרה של החלוץ ועלו ארצה להגשים את חלום העם, אחריהם נמשכו גם ההורים וכמעט כולם היכו שורש במולדת. חוטים חזקים נמשכו מסטולין לארץ־ישראל. הרוח הלאומית מילאה את כל בית בסטולין בתקופה האחרונה. ואלה מבני העיירה שלא הספיקו לעלות ארצה בעוד מועד, ידעו בעת צרה לאזור עוז, ובנשאם בגאון את דגל הלאומיות אף העיזו

להתקומם בכוח לקלגסי הנאצים, כאשר קמו להשמיד את היהודים בגיטו שהוקצה להם בתוך העיירה.

כשהנך מעיין, באלבום־זכרון זה, הנך רואה את העיירה ואת טיפוסיה השונים, מלווה אותך הרגשה שהנך משוטט ברחובותיה ובסימטאותיה של סטולין דאז, בימים ההם כשדופק החיים היהודיים בה היה חזק ואנשיה תססו, פעלו ויצרו בכיוונים שונים והתנועה לא פסקה.

אלבום זה ישלים במידה ידועה את הספר „סטולין ספר זכרון״ בעריכת א. אבטיחי וי. בן־זכאי שהוצא לאור בשנה העשירית לשואה בשנת תשי״ב.

יבורך איפוא המחבר שליקט והגיש זכרונות וניצוצות מההווי של העיירה, וביחוד מאנשיה למעמדותיהם, שכינסם והציגם לעיני הקורא בצורה עממית קלה ושוטפת בעברית וביידיש גם יחד. כמה מרשימותיו מלבבות ומבריקות והן מעוררות בנו את זכר הנשכחים. התמונות הרבות מקימות לתחיה לפני המסתכל בהן, וביחוד, לפני בן העיירה, את סטולין על בניה במצבים שונים ובזמנים רבים, שהם כבר נחלת העבר...

כזאת היתה ס ט ו ל י ן, היתה ואיננה עוד...

אריה אבטיחי — הדרי

# הָבָה נִזָּכֵרָה!

על סטולין עירנו — בה התחלנו לצעוד,
על זו שהיתה — ואיננה עוד,
על עיירתנו הקטנה שהשמידה הצורר,
עליה ועל יהודיה — ספר נספר.

לא היו בה בתים של ביטון, או של אבן,
אבל היו בה גגות — של „גאנטעס" ותבן,
ויהודים אמיצים — של שבת ושל חול,
בנו שם ביתם — וידעו אף לסבול.

ישבו בה „אדמורים" — משושלת פרלוב,
ועל שמו של ה„רבי" היה שם רחוב,
עם בית כנסת לבן, גדול, מפואר,
ומכל זה, לדאבוננו, זכר לא נשאר.



בסוף רחוב דומברוביץ
קבלת פני חתנה של חנה'לה בת הרבי
בשנת 1928

אבל לנו זכורים עוד — אותם ניגונים,
מחצרו של הרבי — שחיברו חסידים,
ואם הכל נחרב — ונהרס עד היסוד.
נשאר הניגון — למופת ולאות.

ולאורו של ניגון חסידי משולהב,
התחנך שם הנוער — ולא היה מאוכזב,
ועוד בשנות העשרים — הוקם אז בעיר,
בית ספר „תרבות" שלימד והאיר.

והיה בית הספר — מקור לא אכזב,
לתרבות העברית — שהפיץ בין כתליו,
והכה שרשים — בכושר ותבונה,
ובתקומת ישראל — נטע אמונה.

יאחרי בית הספר — ודאי שנזכיר.
אותן תנועות נוער — שנוסדו אז בעיר,
אשר דירבנו בלי הרף — ודרשו אז בגאון,
לתת יד לתקומה — ולהגשים החזון.



רחוב הרבי עם בית הכנסת הגדול הלבן
דעם רבינ'ס גאס מיט דער ווייסער שול

ויהודים היו שם — מלאי דאגות,
ומימין ומשמאל — הרבה מפלגות,
ובאספות, לעיתים אף — הרימו ידים,
והיו ויכוחים — עד לב השמים.

שם ציפו ל„פדיון" — כל אותם חנונים,
ולא חסרו, כמובן — גם טיפוסי בטלנים,
ואף בעלי מלאכה — אשר בזיעת אפם,
עמלו וטרחו — להרויח לחמם.

**את כל אלה נצרור - ואותם פה נזכיר,**
**בצרור זכרונות - על סטולין העיר.**



הרב אשר פיאלקוב מוביל את בתו לחופה

דער רב אשר פיאלקאוו פירט זיין טאָכטער צו דער חופה

# דערמאָנט זיך אביסל!



סטאָלינער יידישע מאמעס

עס זיינען בא אונז אין סטאָלין געווען א סאך יידן, וואס מ׳האט זיי, אין אלגעמיין, נישט בעדארפט רופן מיטן פריוואטן אדער מיטן פאמיליע־נאמען.

זיי זיינען געווען אזוי באוווסט, אז ס׳איז גענוג געווען צו רופן זיי פשוט דער...

# ואלה שמות

אָט האבן מיר א רשימה פון די אלע, וואס מהאט זיי גערופן אויפן נאמען פון דארף, וואס זיי אדער זייערע עלטערן, שטאמען פון דארטן:

דער אָטווערדיטשער

דער אָלמאנער

דער אָרליער

דער באלעהושער

דער בלעזשאָווער

דער בערעזשנאָער

דער דראָזדינער

דער האָראָדנאָייער

דער האָרינער

דער האָריטשוק

דערווידיבאָיער

דער וויקראָוויטשער

די וואָראָנייער

דער לאפטשיער

דער לינקער

דער מאנקעוויטשער

דער סטרויייער

דער סטאראָסילער

דער פערעבראדער

דער סמאָראָצקער

דער פאָהאָסטער

דער פלאָטניצער

דער רובליער

דער רעטשיצער

דער קיעווער



בית בכפר

א שטוב אין דארף

יעצט קומט א רשימה פון די אלע וואס מ׳האט זיי גערופן מיט נעמען און צונעמען.

פארוואס האט דאס זיי געקומט ווייסן מיר ניט, אבער אזוי איז דאס געווען:

דער אַקאַן
דער באַשקיר
דער בעל שם
דער בילער
דער באָק
דער בושקאָ
דער בוהאיי
דער דיאַטקאָ
די דריפּע
דער האָרב
די הירשעס
די הינערשע פּיסעלאך
די ווייסינקע
דער ווילִיוואָק
דער זייטשיק
דער זשאַנדאַר
דער טייגאכץ
טשאַייקאָ
דער טערק

די טוקערן
דער לאָבאַטש
דער לאנגער
דער לוסטער
די ליאַלקע
דער מיניסטער
דער מלאך המות
מעטקעס
די משוגענע
דער סטאראָסטא
סאמארדריגעס
דער פּאַרך
די פּיליפּאָנעס
דער פּאצעט
פּעלעפּייסעס
פּילעס
פּילסודסקי
דער פּיקיוואַטער
די ציגיינערטע
דער רבי צעמפּל

דער קאָרזש
די קאָשלאַטע
די קלאטשע
דער פּערדל
דער קוגל
דער קאָחטש
דער קיסערל
די קרומע
די קאַלב
די קעצעלאך
קאלאַטייקאָ
דער קליינער
קערענסקי
דער רעביל
די ריזשינקע
ראַטשקאָ
דער שאַסטי־פּאַלעץ
די קאָפּ
דער שטריקון
דער שפּוך חמתך

און נאך א רשימה פון די אלע, וואס מהאט זיי גערופן אויפן נאמען פון זייער פאך אדער באשעפטיקונג:

דער רבי
די רעביצן
דער רב
דער שוחט
דער חזן
דער סופר׳ל
דער מלמד
דער זינגער
דער לערער
דער בעדער
די בעדערן
דער בדחן
דער כלי־זמר
דער שניידער
דער גאָנטאר
דער סטאָליאר

דער זאגאטאָווישציק
דער מוליאר
דער היטל מאכער
דער קצב
דער פילטשיק
דער בעקער
דער פישער
דער אָפטייקער
דער זייגער מייסטער
דער קימען קערער
דער שמש
דער שרייבער
דער פעלשער
דער שוסטער
דער באָ:דאר
דער באָייער

דער שמיד
דער בלעכער
דער גלעזער
דער ציגעלניק
דער איינבינדער
דער פאקטער
די בעקערן
די באָבע
דער שערער
דער סנימשציק
דער מילנער
דער שמאטארניק
די אקושאָרקע
די ליכט־ציערין
דער קברות־מאן
די שפרעכערקע



רחוב הורודוק

האַראָדאָקער גאַס

# די סטאלינער גאסן

די דאָמבראָוויצער גאס (רעטשיצער)
די פינסקער גאס
דער ערשטער מארק
דעם רבינ׳ס גאס
די אמעריקאנער גאס (לאפטשיער)
די גאס פון קלייסטער (צערקאָווגע)
די קרומע געסל
וויגאָנע גאס
די ליפקעס

דער קאָפּאניעץ
די שול הויף
דער צווייטער מארק
די האַראָדאָקער גאס
דער בורקאַן
די פּגרים
די נייע פּלעצער
דער ברעג
פּאָד־גוריע

# מיט וואס האבן יידן געהאנדלט אין סטאלין ?

מיט שניט סחורה
מיט אייזן
מיט וואלד
מיט אָקסן
מיט קלאָטשע
מיט פעל
מיט סינקע

מיט שמאטעס
מיט תבואה
מיט פראָסאָ
מיט גאָנטעס
מיט באקאליי
מיט האָלץ
מיט סעדער

מיט גענדז
מיט חזיר האָר
מיט טחיירן
מיט הייוון
מיט צייטונגען
מיט סימיע
מיט קלעפּקע



ככר השוק — דער מארק

# בתי הכנסת בסטולין
# די סטאלינער שולן

| | |
|---|---|
| בית הכנסת הגדול (הלבן) | די גרייסע שול (די ווייסע) |
| בית הכנסת של הרבי | דעם רבינ׳ס שול |
| בית המדרש | דער בית מדרש |
| בית הכנסת של חסידי ברעזנע | די בערעזנער שול |
| בית הכנסת של המתנגדים | די מתנגדישע שול |
| המנין הציוני | דער ציוניסטישער מנין |
| בית הכנסת של הפלעצער | די שול פון די פלעצער |



בית הכנסת הגדול — די גרויסע שול



הרבי ר' ישראל פרלוב

# מסיפורי חסידי סטולין

מפי אמי חנה ע"ה



הרבי ר' משה פרלוב

הרבי שלנו, רבי ישראל'קה ז"ל
היה חריף ופיקח בפרט ובכלל.
משום כך העריצוהו, לא רק חסידיו,
אלא גם אלו, שהיו מתנגדיו.

על כנור הוא ניגן, וחיבר מנגינות,
וכתלי ביתו קושטו בתמונות.
דיבר הוא בנחת, בחן ובטעם,
ובכל קצוי המדינה היה מפורסם.

היתה לו אורוה עם סוסים אצילים,
ומרכבה נאה, על ארבעה גלגלים,
עם בעלי העגלה — הרבה לשוחח
ועם פשוטי העם — אהב להתוכח.

ולחצרו של הרבי היו, כרגיל,
באים חסידים בשמחה ובגיל,
בחג ומועד — ובשאר ימות חול,
מפיו של הרבי — עצה לשאול.

על דא ועל הא — ועל עסקים בעיקר,
מה הרבי יגיד — האם כדאי הדבר,
את העסק לקנות, לשלם ולגמור,
או רצוי עוד יותר על הכסף לשמור.

למי מיחושים — ויש לו טחורים להוציא,
ויש מי שרוצה — את בתו להשיא,
עם יחסן שכזה — האם כדאי להתחתן,
מה הרבי יגיד — מה עצה הוא יתן.

והרבי מקשיב — מהרהר ושותק,
לפעמים ייעץ, לפעמים הוא פוסק,
לזה הוא יגיד: עשה כך וכך,
ועל זה מסתכל — ורק נאנח.

באחד הימים — הופיע בעיר,
מתנגד, לא עלינו, — אברך צעיר,
משום מה הוא החליט — לא להתביש,
ומפיו של הרבי — עצה לבקש.

לקלויז של הרבי — נכנס הוא מיד,
עמד בפינה — והסתכל מהצד,
איך הרבי משוחח — ובלי היסוסים,
עם בעל עגלה — על עניני סוסים.

חשב האברך, איך זה נאה בכלל?
מרבי שכזה — עצה לא ישאל,
אך פתאום והרבי — הפנה את עיניו,
ובעינים בוחנות — הסתכל הוא עליו.

נגש האברך, קצת נבהל ונפחד,
וברך את הרבי — והושיט לו היד,
השיב לו ברכה, אחולים לו איחל,
והזמין אותו לצאת — יחדיו לטייל.

יצאו להצר — שלובי זרוע ביחד,
והרבי שואל — והשיחה קולחת,
עד שהגיעו לאורוה — היא „הסטיינע" בלע"ז,
בה עמדו הסוסים — וליחכו את הקש.

הצביע הרבי — על אחד הסוסים,
ואמר לאברך — בלי היסוסים:
מה תגיד, האורח, על „הקשטן" הזה,
העומד כאן באמצע — עם הרתמה על הפה?

התרגש האורח — כועס וזועם,
רצה לענות — והתחיל לגמגם:
„אם להגיד האמת — הן הרבי יבין,
בענינים של סוסים"... אינני מבין".

ענה לו הרבי — בקול צלול וברור:
הסתכל ותבין, אתה הבחור!
אם בעניני סוסים — אינך חכם,
איך תתימר להבין — לנפשו של אדם?!


ר' יעקב פרלוב


ר' אברהם יעקב (חתן הרבי)

# על היושבים במזרח

בעיירה או בעיר — וגם בכרך,
יושבים בבית הכנסת, על יד קיר המזרח,
בעלי בתים עשירים — בעלי המאה,
וסתם גבאים — בעלי הדעה.

ומאחורי הבימה — מצטופפים הם שם,
בעלי המלאכה — ופשוטי העם,
נדחקים בצדדים — ויושבים להם כך,
ואך מרחוק — מסתכלים למזרח.

ואם כך זה נהוג — וזה הוא הכלל,
נספר כאן מיד — ספור ומשל.
איך נתגלגלו הדברים — אי־פעם, אי־מתי,
מאז ניתנה ליהודים — התורה מסיני:

ישנה אגדה — אשר מספרים אותה כך:
שבליל יום כפור מופיע מלאך,
בבתי הכנסת ובבתי המדרש,
בהם עומד הקהל כעשיר וכרש.

ומביא באמתחתו — שליח האל,
מתנות ותשורות — עבור עדת ישראל,
ומכיון שהוא רוצה — על הסדר לשמור,
מהיושבים במזרח — הוא מתחיל את התור.



הרבי ר' משה־לה

ומתחיל הוא לחלק — לאורך הקיר,
לבעלי הבתים, ולחשובי העיר,
עושר וכבוד — והדרת פנים,
חיים ארוכים — ונחת מבנים.

ובסוף המזרח — הוא מאוד מצטער,
על כי אזלו התשורות — ואין לו יותר,
כי יושבי המזרח — הם מקבלי הברכות,
והעניים נשארים בידים ריקות.

כך נמשך המנהג — מדורי דורות,
לעשירים יש הכל — ולעניים רק צרות,
עד שבשנות העשרים — מבעד לחשכה,
ברחבי המדינה — פרצה מהפכה.

וחייטים, סנדלרים — בקול צעקו,
ואת רגלי העשירים — בכוח דחקו.
„מספיק לכם ודי — עם המזרח הפעם!
תנו גם לנו — לטעום את הטעם״!

ובאותה השנה — בשעה טובה ומוצלחת,
לפני הפמליה של מעלה — הופיעה משלחת,
וטענה ואמרה לפני בורא העולם:
למה לא לשנות — מהמנהג הקיים?

ואותו המלאך — המופיע בליל כפור,
יעניק בהתחלה — ליושבים על יד התנור,
אותן המתנות — שהוא מחלק מדי שנה.
ואז תחדלנה הטרוניות, ותהיה הבנה...

ומיד שם סוכם — להחליף היוצרות,
ולהתחיל בחלוקה, מיושבי הקצוות.
ומכיוון שהשנה — העשירים ישבו שם,
חלוקת התשורות — התחילה אתם.

ועכשיו כבר מובן — איך נתגלגלו הדברים,
שאת כל הברכות — שוב קיבלו העשירים,
ולעניים כרגיל — נדבקה כספחת,
ונשארה ברשותם גם להבא. קדחת.

# פּאָזשאַר!

הערט זיך נאר צו — אָן געלעכטער און שפּאס,
מיר ווילן דא דערציילן — וועגן דער "פּינסקער" גאס,
וואס איז דארט געשען — איז שוין היינט נישט קיין סוד,
ווען ס'איז געווען א פּאָזשאר—און ס'האט געברענט די באָד.

און די מקוה מיט דער באָד — וואס ס'האט געגעבן פּאר,
איז געווען אין א סכנה — פון דעם דאזיקן פּאָזשאר,
מסתם ווילט איר וויסן — וואס איז געשען,
איז די געשיכטע מיט דער מעשה — אזוי געווען.

אין מיטן רעכטן דרימל — אין גאס איז א טומל,
עס איז רויט דער הימל,
פּאָליציאנטן שיסן — מען זאל וויסן,
אז ס'ברענט די באָד.
מיט א טרובקע — משה'ל טרייסטער,
און "בן־זומא" — קלינגט אין קלייסטער
באָם!
עס לויפן אלע קרעמער,
הענדאָם פענדאָם — מיט די עמער.

די גאנצע ראד פליעסניוקעס,
מיט זייערע שטוקעס,
באשע לייפּט — און טרייבט דעם פייער,
אהין אהין — אויפן גויעשן שייער.
וואס שטייסטו ווי א גולם — אברהם משה!
חאפּ א טאָפּ, א מולטער, א דייזשע!
לאה־קה, אסתר — מיינע טייערע טעכטער,
כאפּט גיך — פארפאקעוועט די שיך!



די פאָזשארנע קאָמאנדע 1921 מכבי האש

יעקב יאסל׳ס אײדים — פון אויפן בוידים,
טשוק פון שרעק.
און די צײנער — לאסקען, טראסקען,
און עס װארפט — אין היץ און אין קעלט.
גװאלד, רבונו של עולם — היתכן?
דו זאלסט מאכן א סוף — פון דער גאנצער װעלט.

און דער הימל — װערט מער רױטער,
און טוביה לױפט — און טראגט אלײטער,
און בעריל שטײט — און פרעגט: פארװאס?
האט מען נאָך אלץ נישט געבראכט — דעם נאַסאָס.

און חאַניע דער בעדער — מיטן בעזים אין האנט,
שטײט גאר דערשראקן — און בלײך װי די װאנט.
רבונו של עולם! שרעק און נישט שטראָף,
און ראטעװע די שעפעלאך — פון שװארצן סוף.

און לײבל דער שמש — איז דא מיטן קיטל,
און דובאַײסקי האט אנגעטאן — די פּאָזשארנע היטל,
און ײדן לײפן — אהין און צוריק,
מ׳האט פארגעסן פון סאַראַי — ברײנגען א שטריק.

און דער פײער פלאקערט — ס׳ברענט דער דאך,
און די באָד פּאָמפּע — ארבעט זײער שװאך,
און װײבער שרײען — און ברעכן מיט די הענט,
גװאלד, ראטעװעט! די מקוה ברענט!

סוף כל סוף איז געקומען — דער פּאָזשארנער קאָמענדאנט,
און האט גענומען די קישקע — אין דער האנט,
און אלע פּאָזשארניקעס — האבן געדרײט דעם ראָד,
מ׳דארף ראטעװען — ס׳איז א גרײסער שאָד.

בקיצור א מעשה — מיר װעלן אײך נישט שרעקן אסך,
פון באָד איז פארברענט געװארן — נישט מער װי דער דאך.
און כשרע װײבעלאך — מיט פרײד און געזאנגען,
זײנען אין מקוה — װײטער געגאנגען.

# דער קאמיטעט



ועד בית הספר „תרבות“

דער בית הספר קאָמיטעט

עס זיינען אין סטאָלין געווען קאָמיטעטן, א „בית יתומים“ קאָמיטעט, א „בית ספר“ קאָמיטעט, א „ציוניסטישער“ קאָמיטעט, א. א. וו.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה האט זיך געשאפן א קאָמיטעט וואס האט פארטיילט זאכן און עסן־ווארג (זאטערקע) פאר די בעזשענצעס וואס זיינען געקומען אין סטאָלין.

חברה ליצים פלעגט שטענדיק קריטיקירן די כלל־טוער פון די קאָמיטעטן, און בא אונז איז פאר־בליבן אין זכרון א לידל פון יענע צייטן וואס כא־ראקטיזירט ווי אזוי עס האט זיך געפירט אזא קאָמיטעט.

סטאָלין איז א שטעטל!
וואס פארמאגט א בית יתומים קאָמיטעטל,
וואס עס טוט זיך דארטן אָפּ,
פאלט נישט קיינעם אריין אין קאָפּ.
און עס בלייבט געוויינטליך — אלץ בסוד.

גיט א קוק, אליין — און זעט,
דעם סטאָלינער — קאָמיטעט.
מ׳קלייבט זיך אויף — מ׳זיצטביים טיש,
און נאר מ׳רעדט — מ׳רעדט,
איינער זאגט — לאמיר גיין,
זאגט דער צווייטער — לאמיר שטיין,
און עס דרייט זיך אלץ דער אלטער ראָד.

סטאָלין איז א שטעטל...

יעדער איינער מיינט אז נאר,
ער אליין האט רעכט,
אז ער אליין — דאגה׳ט נאר,
און שלאָפט נישט גאנצע נעכט,
און דער צווייטער — וואס פארשטייט,
שטענדיג איז ער נאר צודרייט,
און אלעס דרייט זיך — אין א קאַריהאָד.

סטאָלין איז א שטעטל...

כבוד אז מ׳וויל — מ׳זוכט,
דארף מען עפעס טאָן,
יעדער איינער — וויל נאר זיצן,
דווקא אייבן־אָן.
און אין סטאָלינער קאָמיטעט,
נאר מ׳זיצט — און נאר מ׳רעדט,
איינער זאגט דעם צווייטן — דו זאָלסט טאָן.

סטאָלין איז א שטעטל...



ועד בית היתומים
דער בית יתומים קאָמיטעט

ווער זאָל זיך דאָ ריכטן,
אז ס'וועט קומען — אזא צייט,
אז קאָרן מיט קאַרטאָפּאַלאַך,
וועט מען פירן — פון גאנץ ווייט,
און אונזער קאָמיטעט — צוטיילט,
זאַטערקע — מיט הייסע ברייט,
פאַר אלע בעזשענצעס — וואס זיינען דאָ.

סטאָלין איז א שטעטל...

אלץ מיט כבוד — און מיט יושר,
האָט זיך דאָרט געפירט,
די ספּעקולאַנטן — שאַכער מאַכער,
האָבן אויך געשמירט,
שטענדיג אונזער קאָמיטעט,
האָבן אלע — נאָר בארעדט,
און עס בלייבט געוויינטליך — אלץ בסוד.

סטאָלין איז א שטעטל...



הנהגת „השומר הצעיר" בשנת 1925




שלבי הפעולה הציונית בסטולין



אספת עם ציונית
ביום פתיחת האוניברסיטה בירושלים
על יד בית הכנסת הגדול בשנת 1925



פעילי קרן הקימת לישראל בסטולין
בשנת 1929



הסתדרות „השומר הצעיר" בשנת 1930



קבוץ הכשרה בהורין



הסתדרות „החלוץ" בשנת 1927



בני סטולין נפרדים מעולים לארץ־ישראל בשנת 1927



מפלגת „פועלי ציון" בשנת 1930



הסתדרות הנוער „פרייהייט" בשנת 1930




הסתדרות „החלוץ הצעיר" בשנת 1926




הסתדרות „ברית־טרומפלדור" בשנת 1925 בסטולין




כיתות בית הספר „תרבות" בשנת 1920 עם חבר המורים וועד בית הספר



תהלוכת ל״ג בעומר של ילדי תלמוד־תורה



חברי „השומר הצעיר" נפרדים בהורין מדוביסקי בצאתו לאמריקה



בית הספר וגן הילדים „תרבות" בשנת 1919



גן ילדים „תרבות" בשנת 1933



כיתה ד׳ של בית הספר „תרבות" בשנת 1925



כיתה ג׳ של ביה״ס תרבות
בשנת 1923



כיתה ה׳ של ביה״ס „תרבות"
בשנת 1925



תזמורת הנוער הציוני בסטולין בשנת 1932




עגישת בתי הספר „תרבות"



ביים סוף פון שטעטל

בקצווי העיירה

# מ׳מעג שוין ווייטער טראָגן

די זאַך איז באַוואוסט, מ׳דאַרף אייך נישט זאָגן,
אז שבת, גאָט באהיט, טאָר מען נישט טראָגן.
סיי פרויען, סיי מענער — הונדערט פראָצענט,
דאַרפן שבת נאָר גיין — מיט ליידיקע הענט.

אבער, א ייד אז ער וויל, איז ער גארנישט קיין נאר.
א עצה א קלוגע — געפינט ער דערפאר.
ער נעמט א פאָר סטאָלבעס — און ציט אָן א דראָט,
דאַן מעג ער שוין טראָגן — איבערן גאנצן שטאָט.

א „עירוב" דאס רופט זיך, ווי איר פארשטייט,
ציט זיך ארום שטאט, וואו מ׳גייט און מ׳שטייט,
און אויב גאר, חלילה — ער ווערט איבערגעריסן,
דאַרף דער שמש אין שול — געבן צו וויסן.

פרייטיג נאָך מעריב — אויפן באלעמער,
דאַן רופט ער אויס — מיט א קול און א זמר:
איר זאָלט וויסן, רבותי, וואס איך וויל אייך דאָ זאָגן,
היינטיגן שבת — טאר מען נישט טראָגן!

און די קומענדיקע וואָך — אם ירצה השם,
אז מ׳וועט פאריכטן דעם עירוב — וועט איר שוין זען,
אז דער זעלביגער שמש — וועט מעלדן און זאגן,
יידן מ׳מעג שוין ווייטער טראָגן.

ס׳איז געווען נאָך א מנהג, הערט נאר א צינד:
ווען בא דעם שטאָט באלעבאָס, איז געבוירן א קינד.
האט דער שמש געמאָלדן און אסך נישט געטראכט,
מ׳זאל קומען אויפן „בן־זכר" — פרייטיג ביינאכט.



בחורף ווינטער

און גלייך נאָך דער סעודה, יעצט ווייסט איר פאַרוואָס,
זיינען געגאַנגען צום בן־זכר פון דעם שטאָט באַלעבאָס.
אַלע יידן פון בית מדרש—און בעלי בתים פון שטאָט,
עסן דאָרט אַרבעס — און טרינקען קאָמפּאָט.

יעצט הערט זיך צו, וואָס איז געשען אַ מאָל,
אַז יעקב דער שמש, האָט אויסגערופן אויפן קול,

פרייטיג נאָך מעריב, אין בית מדרש אויפן באַלעמער,
אָט אַזוי ווי איר הערט — מיט אַ ניגון און אַ זמר:

ר׳בי האַצקל ברבי בעריל, קוקט און זעט,
דעם גאַנצן עולם — אויפן בן־זכר בעט
אָבער נאָך אַ זאַך — וויל איך אייך זאָגן,
אַז מ׳מעג שוין ווייטער טראָגן!



בשעת הפשרת השלגים

ווען דער שניי צוגייט

# א סלאָוואַר

ווייל ס׳איז דא א סכנה — אָן א גלעקטער,
אז מ׳קען נאך פארגעסן — די טשעקאווע ווערטער,
ווען מיר זיי פארטייטשן — און פאר אייך ערקלערן,
אויב איר האט נאר געדולד — און איר ווילט אונז הערן.

א פאמיגע, למשל, וועט אריין אין דער היסטאָריע,
וואו מ׳פלעגט שבת אין איר — ווארעמען ציקאריע.
און לעם דער רובע פלעגט מען שטיין — און גלאט אזוי קוקן,
ווייל אין די ווינטערדיקע נעכט — האט מען געווארמט דעם רוקן.

מ׳פלעגט מעלקן די בהמה — גלייך אין א דויקע,
פוטער האט מען געשלאגן — באשטימט אין א בויקע,
די מילך האט מען געווארמט — דוקא אין פענדיל,
און אין קוטשקע איז געשטאנען — א האָן אדער א הענדל.

אין **א דייזשע** האט מען געקנאָטן — ווארעמע ברייט,
און די **קאטשערע** — לעם **אייווין** איז געשטאנען גרייט,
וואס באדייט דאך **א שטייסל** — ווייסט איר מסתם,
ווייל צו **א טאיקאטש** צום בעדויערן — פעלט אונז א גראם.

אייער פלעגט מען קויפן א גאנצן **שאק**,
פייער האט געברענט אויפן **פריפעטשאק**,
מיט **א טשאסע** האט מען געמאָסטן ווייץ און קאָרן,
און א דאנק דער **זשארנע** איז מעל געווארן.

בעלי בתים זיינען געווען, בא זיך שטאָלץ,
אז ס׳איז געשטאנען אויפן הויף **א קאסטער האלץ**.
און אז מ׳פלעגט נאך אין **צובער** — למשל כדומה,
מאכן **א פאילא** — פאר דער **טעליצע** מיט דער בהמה.

מ׳האט מיט די גויים אויפן פעלד, געמאכט **א שמיי דריי**,
און אויף די **ווישקעס** ארויפגעווארפן — **א שטייגל שטריי**,
און פון די **הנאיי** מיט די בהמות, בדרך כלל,
איז געווען ווארם און פרייליך — אויפן גאנצן **שטאל**.

די ווייבער פלעגן נישט שוואנגערן — נאר דוקא טראגן,
וואס איז א פאמוינּיצע איז א חרפה צו זאגן,
אין א זשלוקטא האט מען געזאלעט וועש, עס זאל זיין ריין,
און אז קיין שיך איז נישט געווען, פלעגט מען אין פאסטאלעס גיין.

פון א לאדישקע פלעגט מען, סמעטענע נאשן,
אין א מולטער האט מען, וועש געוואשן,
און עס זאל אייך קיינמאל נישט פארדריסן,
אייב אין באָד וועט מען אייך — מיט א שעפעלע באגיסן.

פסח־דיגע ניס פלעגט מען מיט א קנאקער קנאקן,
אין א מאקעטערעץ פלעגט מען דעם קוגל באקן,
אין גארקיך האט מען די מצה געריבן מיט א רעדל,
און יום־טוב צום טיש — דערלייגט א פלעדל.

מיט א קאלעקאטקע — האט מען „המנ׳ען" געשלאגן,
חשובע בעלי בתים האבן א סורדוט געטראגן,
עס איז געווען אויך א שפענטשער — וואס מ׳פלעגט אין אים גיין,
און וואס איז א ליפטשיק — פארשטייט איר אליין.

טשעקאווע מלבושים — וואס איז דער וואונדער,
האבן געטראגן די מענער — און די פרויען באזונדער,
דער גביר מיט א קאמעזעלקע — אזוי חשוב און ברייט,
און אין קעשענקע א זייגער — מיט א גאלדענער קייט.

מ׳דארף נאך ערקלערן — א געלעכטער אָן א זייט,
פארוואס האבן די בהמות — די זשויקע געקייט,
און פארוואס האבן מיר שטענדיק — געכאפט א קוק,
ווען יענטע האט זיך פארפוצט — מיטן שיינעם פארוק.

אין שול האט דער בעל קריאה געהאלטן א טייטל,
אונזערע באָבעס — האבן געטראגן א שייטל,
אויף דעם פלעגן זיי אָנטאָן — א טשיפיק במילא,
אבער חשובע דאמען — האבן געטראגן א פאטשיילע.

אטויער האט געהייסן בא אונז א טעווער,
א אויער האט מען גערופן — נישט אנדערש ווי א עווער,
טיי האט מען געטרונקען — נאר פון א סאמאוואר,
ווי געפעלט איך, רבותי אונזער סלאוואר ?



סטולין
תכנית-סכימה
רחוב פילסודסקי
רחוב נרוטוביטש
רחוב קרבסקה
רחוב דויד-הורודוק-קוסטיושקי
בית הולים
ביה"ס תרבות
בית היתומים
בית הקברות הישן
רח' דומברוביץ
ככר השוק א'
ככר השוק ב'
רחוב אמריקה
חוף
שטח הגטו
גדר הגטו
בית כנסת

# זאל זיך אונז דוכטן

זייט זיך מטריח, און צוזאמען מיט מיר,
לאמיר איבער סטאָלין, מאכן אשפאציר.
זאל זיך אונז דוכטן אז ס'איז זומער פארנאכט,
און דער פאַייעזד האט אונז, אין האָרין געבראכט.

אראָפ זיך פון באן — גלייך אויפן פעראָן,
און שאכנע האט די גלעקלאך, אויף די פערד אנגעטאָן,
אריין אין פאַלופישאַק, דער טשעמאָדאן אן א זייט,
פון הארין ביז סטאָלין — איז גארנישט אזוי ווייט.




תחנת הרכבת „הורין"
סטאנציע „האָרין"

אין אהאלבע שעה ארום, אויף מיין ערן ווארט,
האבן מיר דורכגעפארן לעם דעם הייליקן אָרט,
און שאכנה האט אצי געטאָן — די לייצעס מיט כעס,
און האט אונז אראָפּגעלאזן אויף דאָמבראָוויצער גאָס.

יעצט וועלן מיר זיך מער נישט לאזן פירן,
און לאמיר צו פוס — אביסל גיין שפאצירן.

אט איז דער מארק, אט איז די „בראמע”,
דא קען מען נאשן מאראזשינע — בא דער שווארצער דאמע.

אט זיינען די קרעמער — גאט זאל זיי היטן,
אט איז דער פּאָזשארנער-„סאראי” — אין דערמיטן,
אט פארט דארט א פור — וואס פירט איר א פויער,
אט שטייט דא אין ראג — קאנטאראָוויטשעס מויער.



בית הקברות



יריד בככר השוק

א יריד אויפן מארק

אזוי וועלן מיר גיין — לאנגזאם און שטיל,
דורכגיין אין דער געסל — לעם בערלס מיל,
און אויפן שול הויף — זאלט איר אונז מוחל זיין,
ווייל מיר ווילן אביסל — אין בית מדרש אריין.

„שלום עליכם״ וועלן מיר געבן—דעם רב מיטן גבאי,
אפשר איז דאס א סגולה — צו באקומען עולם הבא,
און ס׳קען נאך אויך טרעפן אז ס׳וועט זיין מיט הצלחה,
און פון רבין אליין — וועלן מיר באקומען א ברכה.



הבית החו״ש של הרבי משה׳לה עם ה„פלוש״ של בית המדרש
די נייע שטוב פון רבי משה׳לה מיטן „פלוש״ פון בית מדרש



„ארון הקודש״ בבית הכנסת הגדול
דער „ארון קודש״ אין דער גרויסער שול



ליד כנסית הנוצרים        לעם קלויסטער

און ביין רבין אין שול — מיט די חסידים צוזאמען,
וועלן מיר בעשטימט — זיך אביסל פארזאמען.
געבן א „תיקון" — און טרינקען „לחיים",
און אפשר אפילו — אויך כאפן „שיריים".

בעטראכטן די הייזער, מיט דעם הייף אט דעם גרויסן,
אזיי ווי מיר גערדיינקען, או אזיי ווי מיר ווייסן,
כאפן א שמועס — און א ביסעלע ריידן,
און צווישן סטאָלינער און קאַרלינער נישט אונטערשיידן;

ווייטער אין וועג, א שאָד איז די צייט,
מיר דארפן נאך גיין — זייער ווייט,
די גאס פון דעם רב'ן — איז שוין פארביי,
און דורכגייענדיג לעם קלייסטער געבן א שפיי.



רחוב הרבי לפני השרפה

דעם רבע'ס גאס פאר דער שרפה

און אז מיר זיינען שוין דא — טאָ זייט אזוי גוט,
אין „בית יתומים", אריין גיין, אויף א פאר מינוט.
די יתומים באגריסן — זען ווי זיי פילן,
מתנות זיי טיילן — זיי זאלן זיך שפילן.

דורך דער געסל די קרומע—אנטקעגן דעם קלייסטער,
קען מען אריין גיין — גלייך אויף דער „פינסקער".
דאָרט איז דא א קאנאווע — מיט אבריקל באדעקט,
און פון „תמרס" פעקארניע האט שטענדיק געשמעקט.



בית היתומים

לאמיר גיין ווייטער — און נישט האבן קיין מורא,
דאָ אי די באָד — און אָט איז די תלמוד־תורה.
דא שטייט די פּאָמפּע — מיטן הענטל דער גרייסער,
און אויב איר זיינט דאָרשטיג, טרינקט דערווייל א כויסע.

און יעצט, וועט איר מסכים זיין — מיט מיין מיינונג,
און דורכגיין מיט מיר לעם דעם רב׳ס וואוינונג,
אויפן צווייטן מארק — זיך מער נישט פארזאמען,
און צו דער האָראָדאָקער גאס — גלייך שפאנען.



רחוב פ׳נסק — פינסקער גאס



דער צווייטער מארק

ככר השוק (השני)

די גאס, אט די לאנגע, ביזן מאנקעוויטשער טויער,
אהין וועלן מיר קומען — צו שפעטער, צו פריהער.

דער וויל אויפן בריקל לעם דער שטוב פון פליעסניוק,
אויף דער בערעזנער שול — וועלן מיר כאפן א קוק.



רחוב הורודוק בשנת 1918

האָראָדאָקער גאס 1918

און אזוי ווי מיר האבן נאך — א היבשע וועג,
וועלן מיר אייך היינט — נישט פירן אויפן ברעג.
און וועגן דער אמעריקאנער גאס, גלייך דאָ באשליסן,
אז נאר פון דער ווייטן איר הארציק בעגריסן.



שפת הנהר דער ברעג



חזית בית שקליאר שקליארס מויער

בעגריסן די הייזער — בעגריסן די מענטשן,
א ברכה זיי שיקן אז גאָט זאל זיי בענטשן,
און ווייטער אין וועג — וועלן מיר גיין אָט אזוי,
א ביסל אויפן טראטואר — און א ביסל אויפן שאָסיי.

לעם דער מתנגדישער שול דורכגיין באשטימט,
און לעם דעם מויער דעם גרייסן וואס ער איז באַרימט,
און בעקאנטע און פריינד ווי איר ווייסט און איר קענט,
וועלן זיך פרייען מיט אונז — און דריקן די הענט.



בשדרת „ליפקס"    די „ליפקס"



ברחוב הורודוק    אין האראדאקער גאס

אט זיינען מיר געקומען — און מיר זיינען צופרידן,
אויף די ליפקעס באגעגענען — אפאר בעקאנטע אידן.
„גאָט העלף" אייך, רב איד, אפשר קענט איר אונז זאגן,
וואו קען מען דא דינגען — א פערד מיט א וואגן.

א פערד קען דאס זיין — און אפילו א קליאטשע,
ווייל מיר דארפן נאך בעזוכן די זאטשישער דאטשע.
אבער אפשר איז כדאי — היינט זיך נישט זארגן,
און דעם באזוך אין זאטשישע — אפלייגן אויף מארגן.

און דערווייל וועלן מיר גיין נישט ווייט פון דעם עק,
צום בית־ספר מיט דער העברייאישער ביבליאָטעק.
באגריסן די לערער — מיט כבוד און פרייד,
די אלטע די יונגע — אָן אונטערשייד.



בנין בית הספר „תרבות"

נאכהער אויף די פלעצער — די נייע די שיינע,
וואו מיר האָבן זיך געשפילט — ווען מיר זיינען געווען קליינע,
און די פעלדער די גרינע — האבן געהערט אט די קלאנגען:
פון ציוניסטישע לידער — און חלוצישע געזאנגען.



די נייע פלעצער

לאמיר זיך היילן — און נישט פרעגן קיין „קאשע",
אט גייען שען די בהמות — צוריק פון דער פאשע,
אט פירט שען „איוואן" — די חזרים אין סטאדע,
און „אינאטקאָ" איז אוועק — אין שיינק אוודאי.

און נישט צום פארגלייכן — „להבדיל" זאל זיין,
אט גייט שוין ר' „ישראל" — אין בית מדרש אריין,
ער היילט שוין זיך צו — ווייל ער קען נאך חלילה,
נישט טרעפן קיין מנין—און פארשפעטיקן די תפילה.



בני סטולין בקייטנה זאטשישה עם גודל החזן באמצע
אין זאטשישע מיט גאָדל דעם חזן אין מיטן



צוריק פון דער פאשע

מהמרעה

זיך א ביסל פארמאטערט און ווייטער נישט טראכטן,
מיר דארפן נאך אוספיען דעם „בורקאָן“ בעטראכטן,
אהינצו איז אפשר — גיין נישט כדאי,
ווייל די „באָלניצע“ שטייט — אויפן וועג און דערביי



דער בורקאן



נהר הורין בצד „פאָדגוריה“ וארמון הנסיך רדזיביל
די טייך האָרין ביי פאָדגוריע מיט ראדזיווילס פאלאץ

טאָ לאמיר שוין בעסער — זיך לאָזן אין וועג,
און גיין יעצט וואס שנעלער, צום פאָדגורייער ברעג,
כל זמן סאיז ליכטיג — מ׳זעט נאך די שיין,
קומט לאמיר אלע — אין טייכל אריין.

פון טייכל ארויסגיין — און אונטער דער בוים,
לאמיר זכרונות דערציילן — פון אונזער אלטער היים,
וואס מיר נאר געדיינקען — לאמיר אלע צוזאמען,
איינעם דעם צווייטן — גלייך דא דערמאנען.

צו דען האט איר פארגעסן — זאגט נאר אליין,
ווי דער רבי מיט די חסידים—פלעגן צו „תשליך״ גיין.
אזוי איז געווען איינגעפירט — פון דור דורות,
אז אין „קאָפּאַנעץ״ זאל מען אריינוואַרפן אלע עבירות.

ס׳איז געווען א „עירוב״, מען זאל מעגן טראָגן,
און ערב יום כיפור — האט מען „כפרות״ געשלאגן.
נאכהער צום דעם שוחט — איז מען געלאפן זייער,
האט רחמנות! ר׳ משה — און „קיילעט״ מיר פריהער.



הרב אשר פיאלקוב מוביל את חתן בתו לחופה (ליד בית המדרש)
דער רב אשר פיאלקאוו פירט דעם איידים צו דער חופה (לעם בית מדרש)

יעקב דער שמש, מיט דער לענטערנע און שטעקן,
פלעגט קלאפן אין די לאדנס — צו „סליחות" וועקן,
אזוי האט ער געזונגען — מיט א טרויעריקן ניגון,
„שטייט אויף צו סליחות" — געגוג שוין צו ליגן.

ווער געדיינקט נאך פון אונז—און האט נאך אין זינען,
די „אינטעליגענטן" פון סטאלין מיטן ציוניסטישן מנין,
די אלע בונדיסטן וואס האבן זיך גארנישט געשעמט,
און געגן ארץ ישראל — מיט שנאה געקעמפט.



הענקת אות הצטיינות מטעם הממשלה הפולנית לרבי משה־לה
דער רבי משה־לה באקומט א מעדאל פון סטאראסטא

ווער געדיינקט די צייטן, ווי די קאָפּ פלעגט אונז דאָרן,
פון וואנען נעמען זיך די שריפות מיט די פּאַזשאַרן.
ס'איז דאך א „וואכטע״ געגאנגען וואס היטן און קלאפּן,
פארוואס קענען זיי די צינדערס קיינמאל נישט כאפּן.



אחרי שריפה נאך א שריפה

געגוג שען צו זיצן — מ'קען זיך נאך פארקילן,
ראדזיוויל'ס הינט — האבן שוין אנגעהויבן צו בילן,
האשלאקעוויצעס שקצים — אט גייען פון דער ווייטן,
עס וואלט איושר געווען — צוברעכן זיי די זייטן.

מיר דארפן פארענדיגן — אונזער שפּאציר.
כאטש זכרונות איז נאך דא — אָן א שיעור,
טאָ זאל זיך אונז דוכטן — אז דאס אלץ איז געשען,
זיך א ביסל פארמאטערט — אבער ס'איז כדאי געווען.



השער של גן רדזיביל דער מיינקעוויטשער טוייער

די זון וועט אראָפּ און טונקל וועט ווערן,
אין הימל וועלן זיך בעווייזן — די ערשטע שטערן,
דאן וועלן מיר גיין — אויף דער סטעזשקע פון דאָלין,
וואו די דייטשן האבן פארטריבן די יידן פון סטאָלין.

און ביים סטאסינער כוטאָר — אזוי איז אונז בעקאנט,
וועלן מיר שווערן א שבועה — און הויבן די האנט,
און מיט ווייטאָג און צאָרן — וועלן מיר זאגן א תפילה,
אויף דעם ברודערליכן קבר פון דער סטאָלינער קהילה.



בדרך לדולין בחורף
אויפן וועג צו דאָלין אין ווינטער

הסתיים הסיור — בסטולין העיר,
תם הסיפור — ונפסק אף השיר.
כי חרבה עירנו ואיננה עוד,
לזכרה כולנו דום נעמוד !






לוח שיש בבית הכנסת של חסידי סטולין בתל־אביב

# ס׳ברענט!

וווערטער: מ. געבירטיג

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט
אוי, אונזער אָרעם שטעטל, נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רויסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטארקער נאך די ווילדע פלאמען
אלץ ארום שוין ברענט!

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פארלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
ווי אונזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך ס׳ברענט!
אוי אונזער ארעם שטעטל נעבעך ברענט!

ס׳האבן שוין די פייער צונגען
דאס גאנצע שטעטל איינגעשלונגען
און די בייזע ווינטן הוזשען,
ס׳גאנצע שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פארלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
ווי אונזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך ס׳ברענט!
אוי עס קען חלילה קומען דער מאמענט
אז אונזער שטעטל מיט אונז צוזאמען
זאל אויף אש אוועק אין פלאמען,

בלייבן זאל ווי נאך אשלאכט
נאר פוסטע שווארצע ווענט.

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פארלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
ווי אונזער שטעטל ברענט!

ס'ברענט! ברידערלעך ס'ברענט!
די הילף איז נאר אין אייך אליין געווענדט
אויב דאס שטעטל איז אייך טייער
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער
לעשט מיט אייער אייגן בלוט
באווייזט, אז איר דאס קענט.

שטייט ניט ברידער אט אזוי זיך
מיט פארלייגטע הענט
שטייט ניט ברידער לעשט דעם פייער
אונזער שטעטל ברענט!



מילדי סטולין שניספו בשואה
איינער פון די סטאלינער קינדער וועלכע זיינען אומגעקומען


FROM THE GOLDEN BOOK OF
THE JEWISH NATIONAL FUND
למזכרת נצח! מכתב תעודה
מספר הזהב שלקרן קימת לישראל!
קדושי קהלות סטולין והסביבה
קרבנות הרשע והזדון שנרצחו בימים כ״ו־כ״ח אלול תש״ב
על־ידי הגרמנים חיות האדם השמאים ושאר הרוצחים עוזריהם
נרשמו ע״י ארגון יוצאי סטולין בארץ־ישראל
לזכרון עולם
הקרן הקימת לישראל